STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02475

OYF GROZ UN LEYM

Shyfra Werber

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan Levin
in memory of her mother,
Chasia-Baile (Ida) Levin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שפרה ווערבער

*

אויף גראָז און ליים

שפרה ווערבער

אויף גראָז און ליים

לידער

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תשל״ו — 1976

SHYFRA WERBER / OYF GROZ UN LEYM

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str., Tel-Aviv

©

נדפס בישראל, תשל״ו
Printed in Israel, 1976

אין טיגל פון שווייַגן

אין טיגל פון שווײַגן

ניט שרײַ,
ווען פײַער פֿאַרצערט דיך
נאָך אַנאַנדער —
שטײַגן און שטײַגן
אין געלײַטער
פון אַנגעגליטן שווײַגן.

אויך די זון, אין קרײַז
פון אייביקע צונדן,
שמעלצט אירע וווּנדן
אין אייגענעם פײַער —
אָן אָנהויב פון לײַדן
אין טיגלישן שווײַגן.

זי וויגט זיך
אַ צעגליטע
אין אירע בלענדיקע שטראָמען,
און ס'האָבן אויף איר ניט קיין שליטה
די רוימען און תהומען.

געשריפטס אויף גראָזן

אַ רידל שיט מיט זאַמדנסקריפּ,
פאַרשיט בײַזאַם מיט שקיעה־פלאַם
דעם שאָטן
פון אירע לעצטע טריט.

נאָר אין חשכות דער פאַרבערגלטער
נאָך גליט
קנאָספּיק האַרט אַ קנויל —
איר וווּנדיקער פאַרשווײַג,
פאַרבאָרגן יאָרן לאַנג
הינטער געזיגל פון מויל.

אַ רעגן טריפט
מיט זילבער פון לבנה־ליכט
און איבער נאַכט אַ נײַ געשריפטס
אויף גראָזן.
— — —
ערשט צו מאָרגנס,
מיט פּײַכטן שפּראָץ פון ראָז־באַגין,
האָט אַן אויסגעטרוימטער מאַן,
אין שוואַרץ געקליידט,
געלייענט אויף גראָז און ליים
איר ווייַ פאַרשוויגענעם
און שטילערהייט
געוויינט.

די אַלײניקע

אומעטום,
וווּ נאָר פֿאַרזיגלט
האָט די זון
איר פֿײַערדיקן עיגול,
אומעטום
און אַלעמען אַרום
האָט זי באַזונט:

דאָס קינד —
מיט פֿאַסמעס לאַכנדיקן ליכט
באַגאָסן;
דעם, וואָס מיט בלינדקייט
איז געשטראָפֿט —
געצערטלט מיט פֿינגערשטראַלן
זײַן צוקנדיק געזיכט.
ס'האָט אַ גאַנצע וועלט
מיט איר זכות געהעלט.

נאָר איינע בלויז,
די בלייכע,
זי
האָט מען פֿאַרפֿעלט.

פֿון תּמיד איר —
נאָר שאָטנס,
אַנגעהויפֿטע שאָטנס,

דאָרט ווו ס'אַטעמט
ערד מיט ליכט.

שמייכלט זי, די אַלייניקע,
שמייכלט בלאַס און קרום
און טראָגט דעם גורל אירן
ווי אַ וויאַנענדיקע בלום.

בײַ פֿאַרהאַקטע טירן

זי זעט דעם צונד
בײַם הימלראַנד,
באַלד פֿאַרהילן װעט
די רויטע װוּנד
אַ גראָ געװאַנט.

פֿאַר איר פֿאַרהאַקט
טיר און טויער.
װוּ באַהאַלטן איצט
דעם טרויער?

דערנעבן אַ הינטל
אַ פּיצל,
זי נייגט זיך צו אים.
איר געװויע
װעט זי אים פֿאַרטרויען.

אַ שטערן פּלאַצט אויף
אין זײַן פֿינקל,
באַזילבערט אַ װײַלע
איר שאָטן
בײַם טונקעלן װינקל.

און איר האַנט
גלעט
דאָס ציטערדיקע הינטל.

אין פאַרגליטע טעג

צווישן מיר און טיר
אַ שלאָס —
רויטער גלי און צאַרטער ראָז־גענאָד —
אַזוי פיל סוד!

און ווי האָב איך פאַרגעסן,
אַז ליידיק דאָס הויז,
און דער רויך
וואָס וויקלט זיך אַרויף —
לעצטער הויך
פון פאַרגליטע טעג.

זעץ איך זיך
בײַם טייטלבוים אַוועק,
פון זײַנע בלעטער
אָבלדיק באַדעקט.

איך זע דורך זיי
אין פורפור אַ פאַרגיין,
און פון זײַנע שופן־קנופן
הער איך אַ געוויין.

*

אַ פּנים
אַז פֿון דאָרטן,
פֿון יענעם אַלטן הויז
קומען זיי, — די מײַז.
מיט אייגעלעך ביסטרע
פֿון די לעכער
קוקן זיי אַרויס
און זויגן אויס
דאָס ליכט פֿון טאָג,
צעדריבלען אים
אויף שוואַרצע צויטן
וואָס פֿענטן מײַנע טריט,
ביז כ׳פֿאַל מיד
אין נאַכט אַרײַן.

ערשט דעמאָלט —
זיי גליטשן זיך אַרײַן
אין שלאָף מײַנעם
און גריזשען מײַן חלום.

ציפּרעסן

אַזוי שטייען זיי —
הויכע, שלאַנקע,
אין גרינעם באַנאָדלטן לבוש
ביז איבער די קני׳ען,
שטומע היטער
פון סעדערס פאַרמעגן.
זיי שטייען בײַ וועגן,
צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן —
אַ שווײַגנדיקע ריי.

שלײַדערט זיך אין זיי
דער ווינט,
רוגזט און וויעט,
הלמאַי זיי נעמען
אים צו די הנאה
פון לויפן צעהוליעט
צווישן פּרוכטיקע ביימער,
פליקן שטיקער
און זיך זאַפּטיק
דערקוויקן.

צעבושעוועט ווילד
רייסט ער, שמײַסט ער
זייער גוף דעם באַנאָדלטן.
נאָר זיי —
די שטאָלצע ריטער־היטער,
קלעמיק פאַרקנאָדערטע

בײַ װעגן,
אין גורלדיקן לײַדן־שװײַגן
שטײַגן מיט זײער שטאָם עלאַסטישן
דעם װינט אַריבער.
— — —
װי זשע דאָס פֿאַרזען?
װי זשע דאָס פֿאַרגעסן? —
װי ס'ראַנגלען זיך מיט װינטן
די ציפּרעסן.

פּאַרנאַכטיק

איצט טרייסלט אָפּ
דער בוים
דאָס לעצטע גאָלד
פון זײַן קרוין.

נעפּלט זיך אַרײַן מיט גראָ
די בין־השמשות־שעה,
און ס׳ראַנגלט זיך דער טאָג
מיט מידע פּורפּור־פאַרבן —
ניט צו שטאַרבן.

נאָר זע,
ווי די שאַרף פון סערפּ
אין האַרץ פון הימל
צעצינדט זיך גלוטיק,
עפּעס צאַפּלט אינעם טיגל
און פאַלט אַצינדער
מיט פאַרקוילטע פליגל.

ליבשאַפט

רויטע רויזן
פלעמלען אין דערוואַרטונג
פון זינט זי איז געלאָפן
זיך אַנטדאָרשטן
מיט בלומען־פײַער.

ביז וואַנען וועלן רויזן
אויפהאַלטן דעם זשאַר,
ביז וואַנען?
ביז וואַנען וועלן רויזן
אָפּהאַלטן דעם גזר
פון וויאַנען?

זיי לעשן דעם צונטער
אין טונקעלע שטראָמען.
און זי וועט איר בענקשאַפט
אַנטדאָרשטן אין תּהומען.

לקראת דער נאַכט

ס'טוט אויס דער טאָג
זײַן גינגאָלדענע טאָגע,
פאַרבײַט זײַן מראה
אין אַ פינקלעניש
פון בלוי צו רויט
און מאַכט אַ וואַרע
קאַוואַליריש אין פאַרנייג
לקראת דער נאַכט,
זײַן כלה,
און פאַרשווינדט
איידער נאָך זיי ווערן
איינער פאַרן אַנדערן נתגלה.

און זי, אין שוואַרצן קלייד,
אין טרויער צוליב אייביקן צעשייד...
נאָר צווישן שטערנדלעך
עס טוט אַ פינקל
אין איר טרוים
אַ מילכיק־ווײַסער צייכן,
אַז ערגעץ ווען,
אין ליקוי־חמה־ליכט,
וועט זיך פאַר ביידן
אַנטפּלעקן יעדערנס געזיכט
ווי נײַ געבוירן.

און ביידן
באַשיצט מײַן וויִע,
און מײַן ראיה
ווײל זיי ניט צעשיידן.

שבת פרי

הײַזער שלאָפֿן נאָך
אַראָפּגעלאָזט די װיִעס,
די אויטאָס אויך —
באַפּײַכט מיט דינעם נעפּלרויך.

און נאָר די גריל
צעזעגט, צעגרילט
די לופט פון שבת־רו.
דאָס זוכט דער ער
זײַן זי...

און מיט פליגל אונטערזעגטע
פאַלט דערװײַל פון אויבן
אַ פייגעלע
אין די ערדישע שטויבן.

אַז בלויז אַ שוועל

יעדער צווײַגל אויפֿן בוים,
ווו נאָר ס'האָט קוים
אַ שוועב געטאָן
דאָס פֿייגעלע —
וויגט זיך איצט פֿון זיך אַליין.
אויף יעדן בלעטעלע דעם דינעם
ציטערט נאָך אַ סימן:
אַ פֿליגלפֿאָך,
אַ פֿעדערל,
אַ בלאָז,
צי גאָר דער עכאָ פֿון אַ טרעל.
דער בוים איז אים געווען בלויז
אַ שוועל
פֿאַר ווייכן אָפּדרוק
פֿון זײַנע פֿעדעם־פֿינגערלעך
צום ווײַטער־פֿלי
אין רוימען.

פֿרילינגדיק און שיכּור
וועלן זיך די צווײַגעלעך צעבליִען
מיט זײַן צוריקקער.

געוויין פון בגדים

ווינטער —
אײַנגעוואַרעמטע אין אייגענעם געוואַרעם —
טוליען זיי מײַן גוף אין פוך.
נאָר ווי קומט
אין חמסינען
צעצונדענע וואָלן ?
דאַקעגן די מאָלן ! —
באַפאַלן די קליידער,
אין זייער וואַרעם
טוען זיי זיך מערן,
און פון דעם וואָליקן געוועב
דעם נאָכוווקס זייערן
דערנערן.

באַוואָרענען מלבושים
קעגן אַזאַ באַפאַלערישער שליטה ?
איך פאַרשיכּור זיי מיט ריחות שאַרפע,
און ניטע, ניטע !
דרעמלען אײַן די בגדים
אָפגעהיט און גאַנץ,
ביז צום צווייטן ווינטער —
אויבן אין דער שאַנק.

נאָר הײַ־יאָר מײַנע פחדים
בײַם וואָלגעוועב, בײַ יעדן פאָדעם:
צי וועלן זיי דערפילן און דערשפירן,
ווען אַ פרעמדע האַנט
וועט זיי באַרירן.

*

אין פוסטן חלל
פון מײַן ניט־זײַן
הויך אַרײַן
דעם וואַרעמען אָטעם
פון דײַן געדענקשאַפט.
זאָלן זיך דערוואַרעמען,
זוניקער ווערן
די קאַלטע פיר איילן.

דאָרטן...

די קראָ

שוין לאַנגע יאָרן
ווי זי פּיקט —
פּנימער, געשטאַלטן
אין מײַן זכּרון.

צו מאָל דאָס מיידעלע:
מינץ צעשאָטענע — קלינגיקער געלעכטער,
גאָלד־שטראַליקע פלעכטן —
די דיינינקע צעפלעד.

און אָט שוין די טאָפּאָליק־שלאַנקע
מיט טרוים פאַרהאָנגענעם אויף וויִע.
דורך פאַרנאַכטיקע בלויען —
פאַרבענקטע
זיך ערגעץ ווו ציִען
צוויי אָרעמס בלאַנקע...

און דאַן — אַליין צערייצט
פון יונגפרוי־רייץ —
די קראָ צעפּליקט
מיט איר געפּיק
די רויט־צעפלאַמטע רויזן
אין פּעכיק־שוואַרצע האָר.

און ווײַטער גאָר
מיט שנאָבלשאַרף
פאַרשפּיצט אין מײַן זכּרון,

זי פּיקט שוין אויס
די סאַמעט־אָרעמס וואַרעמע,
פאַרנעסטיקט אַרום פּיצל קינד
אין שויס.

און ניט גענוג איר,
זי וויל דורכוויס
אויך דעם אַצינד,
און פאַרשנאָבלט זיך
אין דעם געפּאַלבטן שטערן,
אין די דינע מאָרשטשינקעס,
וואָס מערן זיך און מערן
אַרום דעם אויג
פאַרלאָפּענעם מיט טרערן.

טונקלען אירע פליגלען
איבער מײַן זכּרון
אין זײַנע ווונדן.
און אַלץ נאָך אויסגעהונגערט
שטרעקט איר צונג די קראָ
צו לעצטע קרישקעס
פון דער לעצטער שעה.

אין שפּיטאָל

א

אין טונקל פון מוח
אַ בריוו
צום באַשעפער פון יצורים:
הלמאַי איר געגעבן
אין קורצע יאָרן
אַ לעבן,
אַז בלויז זומערן צוואַנציק
אין איר זכּרון
איצט צאַנקען.

זי אַנט
דעם באַלדיקן פאַרהאַלט
פון בלוטפּלייץ
אין איר גוף;
נאָך דאָרשט ווײַס־צייניקער געביס
צו זאַפט פון עפּלביס;
איר לײַב —
צו רייץ פון ווײַב.

ב

בלאָער כאַלאַט
אויף שמאָלע אַקסלען,
זי — צום פענצטער פון שפּיטאָל
ווי צוגעוואַקסן.
ריחות פון קאַרבאָל,
אין די ווײַסע בעטן —
סילועטן,
און עס עקבערט אין רעיון:
זײַן צי ניט זײַן?
אַלץ מאַטער און מיד
פאַרבלאַסט
דער יונגער בליק.

דאָרשטיקער תמוז
פרייעט דורך לאָדנשטאַכעטן
אויף טונקעלע פּליאַמעס
פון לײַבער.
צעשפּאָלטענער פליגל
בײַ אָפּשניטן פון דאַך
אַקעגן איבער,
אַ פאַרטריקנט צווײַגל
וויגט זיך קוים
צו איר אַריבער.

הכנעה

א

שוין איין מאָל געזען אים
פון שליימיקע תּהומען,
דורך וואַסער־געווירבל
און האַסטיקע שטראָמען —
צו מיר אויסגעצויגן
די הענט.

איך האָב אים דערקענט
אַ פאַרשטעלטן אין זילבערנע שופּן.

אין וואַסער־געראַנגל
מיט אים — זײַן פאַרוואַנדלונג —
בין איך ניצול געוואָרן,
פון אַ כוואַליע באַוואָרנט —
אויף איר רוקן־געדרונצל
געטאָן מיך אַ הייב
און אַריבערגעכוואַליעט צו אַ צווייטער, אַ דריטער.
און אָט איז אַ ברעג — מײַן פאַרהיטער.

ב

אַצינד כ'זע אים ווידער —
אויף דער יבשה.
אָן אויסגעפּוצטער חתן
קומט ער מיך פאַרקנסן.

איצט, ווען ס'קערט זיך אום מײַן בליק
צום קאַלענדאַר פון יענע טעג —
קורץ־אָטעמדיקע פרילינגען,
פאַרגעלטע לאַנגע האַרבסטן,
איצט — ציט זיך הכנעהדיק מײַן פינגער
צו זײַן ראָסטיקן קידושין־רינגל.

דער אַלטער טיש

צונויפגעפּרעסטער אומעט צווישן ווענט
יאָגט פון שטוב אַרויס
צום אַלטן, וואַקלענדיקן טיש —
וואָס פאַר מײַן הויז.

פלאָנטערן זיך יאָרן
אין זכּרון...
אַ ווײַס־ווײַסער געדעק
פאַרשפּיגלט
אין זילבערנעם באַשטעק;
אַ קרישטאָליק ווײַן־געצאַפּל,
באַווירצט מיט היימישן
געפּלאַפּל.

אַ מאָל... אַ מאָל...
ווי גאַוודיק און שטאָלץ דער טיש
אויף זײַנע פיס
די שטאַמיקע.

איצט קרישלט זיך דאָס האָלץ,
און פאַרבלאָנדזשעט ווען צו אים אַ שטראַל —
פאַרלירט ער זיך אין זײַן צעפּאַל...

און עס דאַכט, עס וויינט
אויף זײַנע קראַנקע פיס
דער אַלטער טיש.

קאָן זײַן

און אפשר גאָר
ניט וואָר —
אַז מער ביסטו
ניטאָ.

קאָן זײַן,
אַז ווען דער זייגער
אויף דײַן האַנט
האָט אָפּגעשטעלט
דײַן גאַנג דעם לויפיקן
אין איינעם מיט דײַן דופקן,
קאָן זײַן
אַז דעמאָלט האָט די וועלט
מיט אַלע אירע ליכטער
פאַר דיר
זיך אויסגעלאָשן?

נאָר דו, אייניקער אַליין,
דו ווייסט עס
אין די גרונטן —
דאָרט אין דײַן נײַער היים
פון זאַמד און ליים,
מיט וואָרצלען אַרומגעבונדן —
ווו דו ביסט פאַרשוווּנדן.

און אפשר
נאָך עכאָט צו דיר
פון זאַמדיק בערגל ערד
קלאַנגען, געבראָכענע אין ווינט,
אויף דער שטראָף צו ביידן —
דאָס געוויין פון צעשיידן?

בײַ שוועל פון „דאָרטן"

ס'איז בײַ שוועל פון „דאָרטן" —
באַלד וועט בלויז נשמה זײַנע
ציטערן —
אַ בלאַט אין ווינט.

טאָ ווי קומט ער דאָ אַהער
און פּרוווט
אַרומנעמען איר גוף
מיט הענט־ניט־הענט,
און ווי אין פײַער —
און ניט פאַרברענט?

— לאָז מיך אַליין,
איך וועל אויך דערשלײַכן זיך
צו שוועל פון גאָר־ניטאָ.
צו דיר אין חלל וועל איך דערוואַנדערן
און ביידע
וועלן מיר זוכן
איינער דעם אַנדערן — —

אין ליכט פון די גרונטן

ווען ער, אַ שאָטן,
האָט אַרײַנגעשלײַכט זיך „דאָרטן" —
אין שטומען קאַמער פון זאַמד און מאָכן,
באַלויכטן פון וואָרצלען
מיט ליכטער פון גרונטן —
דעמאָלט
צעעפנט האָבן זיך די שפּונטן
פון זײַן זכּרון.

אַלץ וואָס לאַנגע יאָרן
באַהאַלטן ווי הינטער קאָרע —
האָט געמאָנט אַ תּיקון.

נאָך אַ לעבן־לאַנג
פאַרצימצומט
האָבן אויפגעפינקלט
ציטערדיקע קלאַנגען.

און טרערן זענען געוואָרן
געזאַנגען.

בײַם שפּיץ פֿון באַרג

אַ רגע פֿאַר דער שײדלינגיע צום טויט —
דעם שפּיץ פֿון באַרג
דײַן אָטעם האָסט פֿאַרטרויט.

קראַמפּן זיך די פֿינגער מײַנע
אין זײַן גרינעם קאַרק
און ס'דריבלען זיך דורך זײ
די מאָכן און די גראָזן.

אָנגעשפּיצטע האָזן
ווערן מײַנע אויערן
אין האָרך
צו מינדסטן שאָרך.

און באַלד
פֿאַרשווינדט מײַן ערדישע געשטאַלט — —

רויטער טעפּעך

צום אָנדענק פון די קינדער אין יתומים־הויז פון געטאָ קאָלאָמיי, אומגעבראַכט דורך די נאַציס אָק־טאָבער 1942, און זייער קראַנקן־שוועסטער לאָלאַ קעסטען, וועלכע איז מיטגעגאַנגען זייער לעצטן וועג.

אויף רויטן טעפּעך,
וואָס ציט זיך קלעפּיק
פון טויטע קינדערבעטלעך
ביז צו די טרעפּ אַרונטער,
כליפּען טריט פון קראַנקן־שוועסטער.

אין די גוטע אָרעמס
פון יעדערער באַזונדער —
אַ מלאכל צעצונטערט,
מיט שפּיץ אויף שמאָל פון אַקסל —
אַ שפּראָץ פון פליגעלעך
אויף מער ניט אויפצוואַקסן.

די לעצטע שלײַכט
די יונגע שוועסטער לאָלאַ,
אין איר ווייכן אָרעם
חיימל פאַרגלידערט.
אַ שמייכל ווײַסער חלום
אויף זײַן פּנימל נאָך גליווערט,
נאָר אין די אייגלעך אויפגעריסן
שדיש קאָנוולסיעווע
די רגע שרעק...

זי גייט, די שוועסטער לאָלאַ,
גייט־מיט זײַן לעצטן וועג,
און פון אונטער איר קאָקאַרדע
האָט מיט אַ מאָל
אַ גרויע פּאַסמע האָר
אַרויסגעסטאַרטשעט.

דערנעבן פון יתומים־הויז —
מיט אויפגעמאַכטן גרויסן מויל
אַ ראָוו אַן אויפגעגראָבענער;
פון אויבן גליט אין אים אַרײַן
אַ פײַערדיקע קויל
דעם שאָטן פון איר לעצטן רויט.

די שוואַרצע ביימער בײַ דעם פּלויט —
אַראָפּגעלאָזט די צווײַגן —
אין מוראדיקן שווײַגן.

צו מײַן ברודער דאָדע

א

הוי, דײַנע פֿאַרברענטע טעג
נאָך איצט זײ קװיליקן
אין שװײַגעניש
פֿון מײַן זכּרון.

װער רופֿט אין מיטן נאַכט
מײַן נאָמען?

אַ שטימע —
דורך פֿינצטערניש
אַ שמאָלע שימער־ליניע —
דו...

זאָל זײַן געמאָלט,
אַז װען דאָס פֿײַער
האָט פֿאַרצוקט
אין צונטער־צונגען
דײַן גוף דעם יונגן,
פֿאַרבליבן נאָר
דײַן קול
מיט פֿונקען טליִיִקע
אַריבער פֿלאַמען?

זײַט דעמאָלט האָט דער עכאָ —
אין נאַקעטן געװאָגל —
זיך צו מיר דערטראָגן.

ב

ס'האָט דער ווינט פון ערגעץ דאָרט,
ווו ס'אומרוט דײַן געביין,
אַרײַנגעיאָמערט
אין פאַלדן פון מײַן קלייד
דײַן געבראָכן געוויין,
ווי ס'וואָלטן אַלע פידלען פון דער וועלט
מיט סטרוניקן פלאַץ
אַרויסגעוויינט אין איינעם.

אַצינד, ווען אויך טויט
דער ווינט,
זאַפּט אײַן מײַן הויט
פון פאַלדן־אויסבאַהאַלט
דײַן נאָגנדיק געקלאָג.

און ווען עס וואַרפט אַראָפּ
פון זיך דער טאָג
זײַן גינגאָלד
און לעשט זײַן קאָפּ
מיט גלי פון לעצטן בראַנד
אין טונקל־בלאָ פון הימלראַנד,
דעמאָלט —
מיט אויפצאַפּל פון דײַן געיאָמער
אין מײַן גוף
צעשרײַט זיך שאַרף מײַן רוף:
— ווו ביסטו, ווו? —
און צעטרייסלט
יעדע רו.

הינטער גאַרדין־געוויגן

הינטער ווײַסן דורכזיכט פון גאַרדין
באַוועגט זיך קוים —
אין ליכט פֿון ראָזיקן באַגין —
אַ דינער שאָטן...

ציטערדיק וויברירט
דורך לופט אַן אָטעם,
אַ קול —
ווייך־סאַמעטיק
און גלעטיק
ווי אַ מאָל.
— אוי!
געמיינט מיט ליפּן מאַמעשע
אַרויסזויגן פון אים דעם טויט;
אַז אָפּגעצאַמט איז יעדער דאָרטן
מיט אַ פּלויט,
אַ פּלויט פון זאַמד און ליים,
און טאָג און נאַכט
הערט יעדערער —
דורך אויסגעהויל פון אייגענעם געביין
דעם אַנדערנס געוויין...

ציטער פון גאַרדין...
— מאַמע!

אַ פײַערדיקע קויל
גליט אַרײַן
מיט צונטערפלאַמען.

שטאָלענע טעג

צו מײַן אייניקל

ווי אין לויטערע, פֿאַרגאַפֿטע קוואַלן,
טוקן זיך די שטראַלן
מיט ראָזיקן צעהעל
אין אירע אייגעלעך די רונדע, —
צעעפֿנטע מיט ערשטן וווּנדער
צו דער וועלט.

און ווען זי צייכנט אָפּ ערשטמאָליק
ווייך־זיג־זאַגיק
אויף פּאַסמעס זון
דעם קורצן שטח
צווישן איר און מיר
און פּאַטשט דערבײַיִק צו
מיט די הענטלעך
צו מײַן ליד —
וויי־וויי!
אין מיר די שרעק
טוט דעמאָלט קלעמען,
דער טאָג קאָן פּלוצלונג
זיך אָפּשטעלן אין סאַמע מיט
מיט בלינדקייט אויף די ברעמען.

בײַם אָנהייב ליכט

אַלע וואָלקנס פון דער וועלט
פאַרכמאַרען זיך געדיכט
אין איינעם.
אולטראַשוואַרצע שיכט —
דער הימל.

נאַכט רײַסט אויף די ברעמען
פון לעצטן דרימל
און לויפט
צו הרי־חושך־שפּאַלטן
זיך באַהאַלטן.

און זע,
ליכט אַ שפּליטער
מיט ראָז אַ ציטער
דורך כמאַרע בלײַזקער.

אַ קינד —
אַ צעדערביימל —
קוים דערוואַכט,
שטרעקט זײַנע הענטלעך
דינע
דורך דער נאַכט
צום פינטל העל
פון פרי־באַגינען.

און איך — איך בעט :
לאָז ניט, דו,
פֿאַרפינצטערן ביז בלינד
דעם בליק פון קינד.

מײַן שטערן

א

דאָרטן — אונטער פרעמדע הימלען —
האָט ער, בײַם נידערן צו מיר
מיט זילבערדיקן פינקל,
זיך פאַרשטאָכן אין דעם
צלם־שפּיץ פון קלויסטער.

האָבן באַלד די בײזע צינגער
הין־הער פּילמאָליק
אין די האַרטע קליאָשן
צעקלונגען זיך שווער־שטאָליק:
— װוּ איז ער דער גוססער,
— װוּ איז ער? —

געזען האָב איך אים ערשט
אין דעם באַגינען —
אַ בלוטטראָפּן
אין גרויען נעפּלרויך
פאַרשווימען.

ב

דאָ,
ניט גענוג פאַר אים
הויך־שפּיציקע ציפּרעסן —
די שומרים
בײַ מײַן הויז;

דאָ — ציט ער דורך בלויען
אײגענעם זעפיר
אַ שטראַל אַ גרינעם
צו מײַן דאַך
אַ סימן —
איבער מיר
ער וואַכט.

ג

אַציִנד,
ווען ס'לויערן ראַקעטן — אַפּעלן
אויפגעריסענע —
און יונגע שטערן, בלײַקע מזלות,
פון אויפגעפּלאַצטע הימלען
לעשן זיך מיט לעצטע צאַפּלען
אין טונקעלע געווימלען —
הער איך די געוויינען
פון קינדער ניט־געבאָרענע
אין טראַכטן מאַמעשע.
— — —
שטערן מײַנער,
ווּ וועסטו מיך
געפינען...

אין חלום

ווען האָסט אין ציטער
דײַן קעפּל —
אַ מאָנבלימל אין ווינט —
פֿאַרנורעט אין די פֿאַלדן
פֿון דײַן מאַמעס קלייד,
זיך צו באַהאַלטן
פֿאַר די הוידנדיקע
שרעקן...
האָט זי — דײַן מאַמע —
מיט איר האַנט,
ווי מיט אַ צויבער־שטעקן,
זיי אַלע
פֿון דיר פֿאַרטריבן
און פֿאַרביטן
מיט דעם מעשׂהלע
פֿון וועגן די קאַרליקלעך
די זיבן.

נאָך וויגן זיי
אויף סטרונעס זילבער־בערדיקע
אַ דינעם ניגון,
דיך אין ווײַסן חלום
צו פֿאַרוויגן...

ציטערסטו אין שלאָף,
דײַן ראָזער שמייכל
אין מאַמעס שויס
פאַרצייכנט.

און איצט צאַפּלען
דײַנע נײַנצן פרילינגען צעשפּראָצטע
אין אַ רגע
פלאָמביק געלאָדן.

דער שטאָלענער טאָג
וואַרט זיי אָפּ
בײַם לאָדן.

לזכר דניִן

א

די טרעפּ
פון דעם באַגרינגטן שולעהויף,
וואָס פירן אויבן,
געדענקען נאָך
דײַן ווייכן מילדן טראָט —
ניט צו באַלאַסטן.

און אויף שויבן פון דײַן קלאַס —
דײַן שמייכל.
וויפל מאָל די שטויבן
פון זיי געוואַשן,
נאָר ער — דײַן שמייכל
אין פֿלאַך דעם גלאַזיקן
פאַרצייכנט,
נעמט ווידער ראָזיקן
ווי נײַ געוואָרן.

איצט, בײַם פאַרבײַפאָרן
דײַן שולע — נעמט אים מיט
אין זיך דײַן אָרון.

שטאַרן־שויבן
אויף יעדערער — איין גרויסע טרער
און די זון אויף זיי
צינדט ניט
איר שמייכל מער.

ב

און ס'האָט דער הילצערנער לבוש
אויף דיר
פאַרביטן דעם מונדיר,
די אויגן פון דײַן מאַמען —
גלאָזיק און פאַרשטאַרט.

נאָר אין איר מויל
דעם אויפגעריסענעם —
וועלטס צער
אַרויסצוהוילן —
אַ פײַערדיקע קויל,
אַלץ גרעסער,
ווען אין איר קלייד
דעם שוואַרצן
פאַרבלענדט דעם קריעה־שניט
אַ מעסער.

ג

אין צונטעררויט
גייט אָפּ אַ נאָמען
פון אַ שוין
ניט־דאָיקן.

פלאַצט אויף דאָס שטיינהאַרץ
פונעם באַרג.
און הינטער אים
די זון פאַראַשיקט
נידערט, נידערט —
שיבעה זיצן, צוזאַמען
מיט דער מאַמען.

איר טרער

אַלע קלאַנגען פון דער וועלט
אין אירע אויערן — געיאָמער.
אַ רויטע טרער,
אַ ניט־דעררונענע,
אַן איינציק־אַנטרונענע
פון צונטערדיקן צער,
פאַרזיגלט זיך
אין גלאָזיקן געשטאַר,
פאַרשטעלט איר ראיה
צו זאַכן און צו ליכט,
פאַרשפיגלט בלויז אין זיך
איר זונס פאַרברוינט געזיכט —
מיט אײַנגעקאַרבטן שטריך
פון פליכט,
און מעגן שׂרפענען חמסינען,
איר טרער בלײַבט אויף דער וויִע
גליִען.

לאָז זיי אַרײַן אין דעם מאָרגן

א

פּאַוואָליע וויקלט זיך אַרויס
פון שלאָף דעם וואַרעמען
די זון,
ווייכער חלום שמייכלט נאָך צוקאָפּנס,
און שוין באַפאַלן זי
אַ מחנה כמאַרעס שטאָליקע,
און זי
מיט זיי אין ראַנגלעניש —
דורכצונטערן אין פלאַמען
די גראָ־געדיכטע צאַמען.
נאָר זיי, אָנצאָליקע,
דריקן אײַן אין שטיקעניש
איר גוף, ביז זי
דורך אויפגעפלאַצטער הויט
הויכט אויס איר לעצטן אָטעמגלי —
דאָס רויט...
אין חושך וויינען,
וויינען מײַנע קינדער:
ווו ראָזיקער באַגינען?
אַ בלינדער
טאַפּט ער אין דער פינצטער
מיט שאַרזען־פֿינגער.
הינטער שוואַרצע הימלען
טונקלען אינדערפריען,
וויינען מײַנע קינדער,
וויינען מײַנע קינדער.

ב

איך,
אַליין אַ קינד פון פײַער,
פון איבער ברענענדיקן מויער
דערשפּרונגען דאָ אַהער
זיך אַנטפּײַערן אין שײַער.

קוים־קוים זיך צייכנט
אַ וואָגל־שמייכל
אויף מײַן ליפּ,
און שוין אין ציטער
תּפֿילהט זי אַצינדער,
ווען ס׳וויינען מײַנע קינדער —
אָ, טו זיי דאָס ליכט ניט פֿאַרבאָרגן,
לאָז זיי אַרײַן אין דעם מאָרגן.

א ו מ ר ו

דער טייטלבוים

און ווידער ברעג פון זומער
און ווידער טייטלען
אין אָקערשטיק געבאָרן —
קורץ־פֿינגערדיק
אין גרין־פאָכיקן געוויג
פון פייגלשן געפיק
באַוואָרנט.

און ווי פון קדמונים יאָרן,
ווידער וועט דער טייטלבוים
באַגורטן זיך —
נייַע טייטלען צו געבאָרן.

עס ווייס נאָך ניט
דער טייטלבוים
אַז בלויז די רגע
די פאַרזיגלטע
וועט איצטער וואָרן.

אומרו

פלוצעם באַפּאַלט מיך
אַ טונקעלער אומרו,
ווי אַ היישעריק־מחנה
אַ בלאָנד־זאַנגיקן פעלד,
און פאַרטראָגט מײַן געהאָרך
אין באַלדיקע ווײַטן
פון צײַטן־דורך־צײַטן —
צו פאַרהונגערטע וועלפן־געוויען
בײַם געגעגען צו קינדערשע וויגן,
פאַרהילטע אין בלאָען;
צו יאָמער־געראַנגל פון צווײַגן,
ווען ס׳פליקט זיי דער ווינט
די לעצטע בלעטער אָפּ,
און ס׳שאָקלט אָבלדיק דער בוים
זײַן הוילן קאָפּ
איבערן פלויט
אין וועלק פון טויט.

באַריר איך דאָס עלנטע שווײַגן
פון שטיין,
אויף נאַקעטן וועג
איינער אַליין,
און איך — אין איינעם,
האַר פון יצורים,
מיט דײַנע געוויינען
אויף וועלטנס יסורים.

די צײַט

געשפּאַנטע אײנער צו דער צװײטער
מינוטן צו מינוטן —
אַ פֿײַלן־בױגן אָנגעצױגן
אױפֿפּלאַצן אַ גרײטער.

אַ פֿױגלטרעל
אַ מינדסטער
אין צונױפֿפּרעס פֿון מינוטן
װערט דערשטיקט,
און דאָס גרעזעלע דאָס דינסטע
בלײַבט צעטראָטן
אין זײַן בלוטן.

זאָג, דערפינדער

יונגע ביימלעך —
ציטערדיקע צוויטן
מיט נעסטן אין מיטן,
איך הער אין זיי וויינען
ביז די וואָרצלען
דעם אָנקום פון געוויטער.

זאָג, דערפינדער,
מיט אַל דײַן וויסן —
ווי וועסטו די טרערן זייערע
פאַרזייסן?

שטאָלענע קרוין

אַז דער שטיין פון צוקאָפּן
איז געוואָרן אַ פּראָפּן
צום קוואַל
פון דײַן חלום —
פאַלן און פאַלן
די לייטערס צעבראָכן...
און עס נידערן מער ניט מלאכים.

שמידט אַ ראָבאָט
זײַן שטאָלענע קרוין
מיט נצחון.

דער שטיין

אָ, ווי ער גאַרט
נאָך ווייכן באַריר
פון באָרוועסע טריט,
שוין געגוג אים
די שטאָלציקע שטאָלענע פיס,
וואָס צעשפּאַלטן זײַן האַרץ
און געמיט.

עס גלוסט אים
ווי אַנוסטן
דערשפּירן דעם גלײַכן אָטעם
פון חלום,
וואָס שטײַגט צו די הימלען
און נידערט — געלײַטערט
אין תּכלית די פליגלען —
צוריק,
אַז ווייכער זאָל ווערן זײַן האַרטער געלעגער
פאַר דער טרער
פון גן־עדנשן גליק.

און ס׳וועט זײַן...

און ס'וועט זײַן ...

פון הוידנדיקע לייטער־שטאַפּלען
אַ מלאך אין נידערונג שטיל,
מיט גלײַזקע אַפּלען
און פּורפּור־געהיל
פון פאַרשקיעהטן טאָג —
צו ערדישע פלייגען.
און אים אַנטקעגן —
געפלאַצטע פידל־געוויינען,
ווי אַלע ווערבעס פון דער וועלט
וואָלטן געיאָמערט אין איינעם.

אין שפּרייט פון די פליגלען,
אין ברייטן געפאָך
פאַרווישט ער —
אין איין רגע־דויער —
די טרערן פון טרויער.

— — און ס'וועט זײַן,
אַז פון ערד —
מיט זילבערנע רעגנס
און לויטערע טויען
גענערט —

װעט אַ שפּאַר טאָן אַ בױם
מיט אַ נײַ־פּרוכטיק װאַקסן...
און מענטש —
פון פּירות די נײַע
די ליפּן באַזאַפּט —
װעט זיך הייבן
אין שװעביקער קראַפט
מיט צעפינקלטע אױגן,
װי נאָכן מבול
אַ רעגן־בױגן.

בלאָער חלום

א

מײַן בלאָען חלום,
אים גערעַטעוועט קוים
פון דער פאַרהונגערט שוואַרצער וועלפּיכע —
די נאַכט.
אַצינד איך טראָג אים —
אין זײַן בלאָען וואַלן־געוויקל —
אַן אָפּגעציטערט קינד,
דורך טעמפּיקן געקלימפּער
פון אויטאָס־פּײַפערײַ
און שטאָלענעם געשריי
פון טאָג.

איך גיי —
דורך צעפּלינדערטן מענטשן־געדריי —
מיט אַ גאָרטן פאַרשטעלט,
פון קוועלעכלעך־שפּרודל
באַזוימט,
און בלומען
מיט פאַרבן־געוויג.

נאָר ניט פאַר זיי
דער צעזשומעטער קוש
פון בינען;
ניט — די צוויטשער־ניגונים,
אויף שטראַלן פון זונען —

אין זייערע קריינדלעך
פאַרשפּונען.

ניין,
ניט פאַר זיי.

ב
טאָג נאָך טאָג
אַ בענקשאַפט זיי נאָגט,
אַ בענקשאַפט
צו אַ בלומיקן גאָט,
פון ליבשאַפט
אַ גאָט.

פאַרבענקט —
ביז אַליין אים באַשאַפן:
יעדע בלום
אים
אַ פעטאַל פון איר קריינדל
פאַרשענקט,
און עלאַסטיש געשטענגלט
צו די הייכן ער ציט,
ביז אויך דער הימל־אומענד
זיך פעטאַל־פילקאָליריק
צעבליט.

ג

און אָט, אין שעה
פון פאַרגאַנג,
ווען ס׳נייגט זיך דער טאָג
מיט לעצטן בלאָ
צום געצאַנק —
דעמאָלט זייער טרעריק געבעט
צו אים — זייער גאָט:
— אויב קאָנסטו דעם גזר פון וועלק
ניט פאַרמײַדן,
מי זיך — מען זאָל אונדז
אין מיטן פון בלי
ניט פאַרשנײַדן. —

און ער,
דער בלומיקער גאָט
אין געבויג צו יעדער פון זיי,
צום ברודערל־בלימל דעם קלענסטן,
מיט זײַן בענטשיקן ניגון
וויגט זיי אײַן
אין שלווה־געוויגן.

צום טאָפּאָל

מען זאָגט אויף דיר,
אַז ישון האָט מען צוגעקריצט
צו דיר.

וואַקסט מײַן חלום
מיט דיר אין איינעם,
שלאַנקער טאָפּאָל,
און ביידן,
דורך וואַלן גרינע שטויבן
ציט צום אויבן,
דעם הימל אונטערהייבן.

וואָס זשע ציטערן כּסדר
דײַנע זילבערבלעטער?
און וואָס פּלוצעם צוקט מײַן חלום
אינעם עטער?

אונטערזעגן? — ניטע!
און אין דײַן פלייש ניט מער
קיין ווונדן אײַנגעקריצטע.

אַ רעגן אין תּמוז

א

די זון דעמפּט אויס איר בלוט
אין פֿײַערדיקן גלוט.

בײַ שלײַכנדיקע טריט
פּענטן זיך מיד
פֿאַרחלשטע שאָטנס...
מען שטיקט זיך אַליין
מיט אייגענע אָטעמס.

אומזיסט דאָס געבעט
פֿון גלײַזקע שטיינער.
עדות —
דער שטויביקער גראָ
פֿון דערנער בײַ וועגן,
און דורשטיקע וואַדיס —
אַז ביז צום געבורט פֿונעם יורה
איז די ערד קיין מאָל
ניט זוכה
צו קילער באַפֿײַכטונג
פֿון רעגן.

ב

קאָן זײַן, אַ תּפילה
פון שטיינער אַפילו
זאָל רירן אַ וואָלקן
אַ שטומען,
וואָס רוט איבער זומער
באַהאַלטן
הינטער ווײַס־צעפרייעטן הימל,
אַז ער, פון רחמים צענומען,
זאָל זיך פלוצעם
צעוויינען.

און זע —
צום שטוינען!
רעגן־טראָפּנס דריבנע
פרישנען
אין סאַמע תּמוז,
און צווישן זיי —
פּאַסמעס געלבלעך ליכט.

און אַלץ וואָס ביז איצט
אין פאַרשמאַכטן דומם,
צאַפּלט
אין די רוימען.

געבעט

א

שענק מיר,
האַר פון דויער,
אומענד און באַשאַף,
שענק מיר בלויז
אַ רגע־שפּליטער
פון דײַן חלום־ציטער,
ספּירהדיק צעבלענדיקט
אין חומרדיקער קראַפט,
אַז אַלץ — וואָס פאַרהוילט איז,
פאַרסודעט, נעפּלדיק געדיכט —
זאָל נתגלה מיר ווערן,
ווי דאָס חשכות פון הימל,
צעאַקערט פון שטערנדלעך־ליכט
אין געווימל.

ב

פאַר וואָר
מיר דאַכט גאָר
כ'טאָפּ אָן מיט מײַנע הענט
דאָס רײַף צעגרינטע לשון
פון אויפגעפלאַצטע קנאָספּן
אונטער זוניקן געבלענד.
און שוין
פילקאָליריקט מײַן אויג
אַן אָקערשטיק מיניען
פון פאַרבן־געררוי.
און אָט —
כ'פאַרנעם די אויפגעשטראָמטע שפּראַך
פון טײַכן אין געלאַף,
דעם זילבער־ריזל
פון שפּרודלדיקע קוואַלן,
און אין דעם וואַלד דעם אָנגעגורטן —
די פרייילעכע געשאַלן
פון אויפגעוואַכטע פייגל
צום געפלי.

און איך —
אַ רגע־פּיצל צווישן אייביקן באַשאַף —
מיר דאַכט
איך שאַף און שאַף
מיט אָנגעשפּאַנטער קראַפט,
ביז עס פּלאַצט
אין שפּרודלדיקן אויפצאַפּל
דאָס האַרץ.

מײַן מאַמעס תּפֿילה

שוין איין מאָל
האָט איר גלײַק געבעט
אַרויסגעצויגן מיך,
איר פּיצל,
פֿון קראַנקן הינערפּלעט.

אויך אַצינד,
ווען ס'זאַמלט זיך אַ שטורעם
הינטער לאָדן
זאַלפּיק אָנגעלאָדן —
טויכט אויף אין ווײַס־געפּלאַטער
די תּפֿילה
פֿון מײַן טויטער מאַמען
און טוט מיך
אונטער פֿליגלדיקן אויסשפּרייט
אַ פּאַרטוליע
אַקעגן העלישן געצונטער
פֿון די פֿלאַמען.

אַבושן

אין אָפּשייד

*

איצט ביסטו איַנגעהילט
אין שקיעה־סוד.

ווי קאָן מען וויסן,
אַז צווישן מיר און דיר
אַזוי פיל ריסן
מיט אַ מאָל.

ניט דיר — די שוואַרצע שטראָף
פון שטויביקן צעפּאַל
אין כּף־הקלע.
צי גאָר — די ראָזע גנאָד
פון באַלזאַם
פאַרן גוף?

פאַרגליווערט דײַן קול —
און איך וויל הערן דײַן רוף.

*

אָ וויַיז מיר נאָך איין מאָל
דײַן פּנים,
וואָס אין קראַמף פון יסורים
איז מיר צערונען
געוואָרן
אין מײַן זכּרון.

אָ וויַיז מיר נאָך איין מאָל
דײַן צעפּרילינגטן שמייכל
מיט זוניקן זינען
פאַרצייכנט.

נאָך איין מאָל — די אויגן
גלאַנציק פאַרחידושט
אין שוועביקע ווײַטן
אויף לויפיקע טײַכן
מיט פליעסק אַ באַנײַטן,
אויף חידוש־לבנה
פון קאָסמישע צײַטן.

*

נאָך וואַרטן דײַנע שיך
אויף וואַרעמען באַריר
פון דײַנע טריט.

דער זייגער אויף דער וואַנט
האָט אָפּגעשטעלט זײַן גאַנג
אין בענקשאַפט
נאָך דײַן טיפן בליק
אין צײַט.

גליווערט די לופט
אָן לעבעדיקן ריטעם
פון דײַן אָטעם.

*

אויך די שויבן
זיי גלאָצן ליידיק,
עס שטאַרט אויף זיי אַ טרער,
און ס'הענגט אויף זיי
דײַן בליק ניט מער.

צי וואָלסטו איצט דערקענט
די בילדער אויף די ווענט? —
די לײַוונטן, — די קאַרבן
אין צעשוווּמענע פאַרבן?
עס וויינט די זון אויף זיי
אין איר פאַרגיי.

*

פון וואַנען צו דער פּוסטקייט
אַזאַ קראַפט
פונאַנדערשטופּן ווענט
פאַר אייגענעם צעשפּרייט,
אַז ווײַט לאַנג
זאָל אָפּהילכן מיט טעמפּן קלאַנג
יעדעס שטומע וואָרט.

מיט אַ מאָל דאָס הויז
ווערט אַזוי מאָדנע גרויס,
און איך — ווי קליין —
געפין זיך ניט קיין אָרט.

*

איך גיי צו דיר
צווישן שלאַקסיקע רעגנפּאַסן,
און איבער מיר —
דער שירעם.

אָ ווער וועט באַשירעמען
דײַן זאַמדיקן בערגל ? —

איך וועל זיך בייגן
איבער דעם בערגל.

*

ניט אָפּגעווישט דײַן גאַנג,
אים אײַנזאַפּן אין זיך —
איך גיי אַרײַן אין דײַנע טריט
ווי כ'וואָלט אַרײַן אין דײַנע שיך.

אַ גאַנג אין איינעם,
מײַן טראָט אין דײַנעם,
און דאָס דיר אַ געשאַנק —
טריט בײַ טריט,
באַגלייט מיט דינעם פייגלפּאָך
און גרינעם בלעטערשאָרך,
פון שטומען בערגל זאַמד —
צו אונדזער היים צוריק.

*

עס קאָן אַנדערש ניט זײַן —
דו וועסט קומען צוריק
און ברענגען מיט זיך
צו היימישער שוועל
דעם פייגלשן טרעל,
וואָס פון פלויט צו פלויט
רעגנבויגיק זיך ציט.

דו וועסט קומען,
דו וועסט קומען צוריק —
אַ שליס אויף די טיר —
און מיט אויפלויכט אין בליק
גריסן צו מיר.

און די בלומען,
וואָס וואַרטן מיט זשאַריקן רויט
פון פרימאָרגן אויף דיר,
וועלן
באַגעגענען דיך.

*

פון אויסגעהאַקטן וואַלד
אַלע פייגל זיך צעפלויגן,
וויעוועט אַ שוואַרצער ווינט,
צעטראָגט די אויסגעפליקטע גראָזן
אין געווימל;
די שטערן — אויסגעלאָשן,
באַקלאָגט מיט בלינדע אויגן
דעם אויסגעהוילטן וואַלד
דער הימל.

וואָס טו איך דאָ
אין אומענד־חלל פינצטערן? —
דײַן געשטאַלט
באַווייַן איך
דורך מײַן הויט
דער אויפגעריסענער?

*

וואָס באַהאַלטסטו זיך אויס
און פאַר וועמען?

צי איז דיר אַ שטראָף
צו וואָגלען פאַרשטעלט
אַליין אויף דער וועלט
און ניט געבן זיך
קיינעם דערקענען?

אפשר ביסטו דער בוים
בײַם וועג איין־אַליין,
דער ווערבעס געבויגענע צווײַגן
פאַרהילטע אין שקיעה
מיט שווײַגן?

און אפשר גאָר ביסטו
אין שטאָלענעם גראָ
פון אַ וואָלקן?

אין טונקעלע מושלען,
אין זייער מינדסטן וויבריר
דערהער איך דיר.

*

ווער איז פֿאַרשוווּנדן,
ווער האָט אין טויט
זיך פֿאַרשטעלט?

ס'קאָן זײַן
אַז אַ ציטער טאָן
זאָלן די ערדישע פּליינען,
און די וועלט
זאָל, אין פֿלאַמען צעצונדן,
פֿאַרזינקען
אין פֿינצטערע גרונטן?

קאָן זײַן אויך געמאָלט,
אַז אין וואָרצל־געפֿאַנצער
וועסטו אויפֿטויכן דעמאָלט —
זיך טובלען אין ליכט
און אין פֿאַרבן,
נאָר אין חלל אין פּוסטן,
אָן קיינעם פֿון אונדז
צום צווייטן מאָל שטאַרבן?

*

קום,
כ׳וועל דיר אַנטזיגלען
אַ טאָג אין דעם נאָך־זײַן.

אויבן —
בלויער אויסגעשפּרייט
מיט דינעם, דורכזיכט־ווײַסן פּוך
איבערגעצויגן.

די זון
דורך שפּאַרונקעלעך פון אויגן
שענקט איר ווייכן וואַרעם
דעם גרין פוןביימער —
די אָקערשט
אויסגעצוואָגענע פון רעגן.

עס שמעקט די לופט
פאַר יעדנט וועגן
דאָ
מיט ווינטערדיקן מילדן
דופט.
ווי אויסגעפינען דיך אַצינד
אין דעם אייביק צעשוומענעם
אומענד —
און אויף אַ ווײַל
דיר אויסבאָרגן דעם טאָג
פון דעם דאָזיקן דערווײַל.

*

כ׳וועל אַרײַננעמען דײַן לעבן —
אַ גוסס־פייגעלע —
אין מײַנע הענט,
אַרײַנהויכן מײַן אָטעם הייסן
און עס באַלעבן;
דו זאָלסט מיט חושים דײַנע
די ערדישע
דערשפּירן
דעם ווויל־גערוך
פון פרישׂ געשניטן גראָז,
דעם לינדן ווינטלבלאָז,
דעם פּילקאָליריקן געזשום
פון בינען
אויף יעדער בלום.

און דאָס וועט זײַן דער שׂכר
פאַר מײַן צעגליטן צער
אויף אויסברענען דעם גזר
פון דײַן ניט־זײַן.

*

אָט, מיר ביידע,
מיט אָטעמס הייסע
אין געקלעטער אויפן באַרג
דעם זונאויפגאַנג דערגרייכן,
צו טובלען זיך
אין זײַן נעפלדיקן ראָז...

און אָט — אין צווייען,
מיט קושן פון טויִיקן גראָז
אויף די טריט,
צווישן ביימער־אַלייען —
רעגנבויגיק באַדעקט
מיט באַבלעטערטן
צווײַגן־געפלעכט.

און דאַן —
אין גורל־פאַרוואַנדלונג
צום רײַף־פרוכטיקן
געראַנגל,
דורך זשאַריקע זומערס
און פײַכטע שפעטהאַרבסטן
מיר בלאָזן, צעבלאָזן דאָס פײַער
אין היימישן שײַער.

*

איך וועל קומען צו דיר,
ווען ס'וועט לעשן זיך
מײַן שטערן
און אין שטויב
מגולגל ווערן.

צי וועט מען ביידע
דאָרטן —
אויף דעם אינדזעלע —
אין פוסטן חלל פון ניט־זײַן,
צי וועט מען ביידע דאָרטן,
ווי דאָ גאָר אַ מאָל —
אין דעם האַרמידער —
שווײַגן ווידער
שמייכלענדיק־פאַרלעגן ?

צי וועל איך דעמאָלט
מעגן
אַ קוש טאָן די רויז,
וואָס האָסט אַנומלט
מיר שענקען ניט געוואַגט ?

אינהאַלט

אין טיגל פון שווײַגן

אין טיגל פון שווײַגן 7
געשריפטס אויף גראָזן 8
די אליינינקע 9
בײַ פאַרהאַקטע טירן 11
אין פאַרגליטע טעג 12
אַ פּנים אַז פון דאָרטן 13
ציפּרעסן 14
פאַרנאַכטיק 16
ליבשאַפט 17
לקראת דער נאַכט 18
שבת פּרי 20
אַז בלויז אַ שוועל 21
געוויין פון בגדים 22
אין פּיסטן חלל 23

דאָרטן...

די קראָ 27
אין שפּיטאָל 29
הכנעה 31
דער אַלטער טיש 33
קאָן זײַן 34
בײַ שוועל פון „דאָרטן״ 36
אין ליכט פון די גרונטן 37

ביים שפּיץ פון באַרג 38
רויטער טעפּעך 39
צו מיין ברודער דאָדע 41
הינטער גאַרדין־געוויגן 43

שטאָלענע טעג

צו מיין אייניקל 47
ביים אָנהייב ליכט 48
מיין שטערן 50
אין חלום 53
לזכר דנין 55
איר טרער 58
לאָז זיי אַריין אין דעם מאָרגן 59

אומרו

דער טייטלבוים 63
אומרו 64
די צייט 65
זאָג, דערפינדער 66
שטאָלענע קרוין 67
דער שטיין 68

און ס'וועט זיין...

און ס'וועט זיין... 71
בלאָער חלום 73
צום טאָפּאַל 76
אַ רעגן אין תמוז 77
געבעט 79
מיין מאַמעס תפילה 81

אין אָפּשייד

איצט ביסטו איינגעהילט 85
אָ וויַיז מיר 86
נאָך וואַרטן 87
אויף די שויבן 88
פון וואַנען 89
איך גיי צו דיר 90
ניט אָפּגעווישט 91
עס קאָן אַנדערש ניט זיַין 92
פון אויסגעהאַקטן וואַלד 93
וואָס באַהאַלטסטו זיך אויס 94
ווער איז פאַרשוווּנדן 95
קום 96
כ׳וועל אַריַינגעמען 97
צַט, מיר ביידע 98
איך וועל קומען צו דיר 99

ביכער פון שפרה ווערבער

נ י ס ע ל ע ס ט ר ע ר

פ אָ ע מ ע

בריסל, געז׳ „שול און דערציִונג״, 1950

ד מ ע ת ו ש ל א י צ י ק

[צוויי פּאָעמעס, איבערגעזעצט פון ייִדיש]

תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1963

ו ו נ ד א י ן ב ל י

ל י ד ע ר

תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1968